


# וראשו מגיע השמימה

## דְי גְרוֹיסְקֵייט פוּן עֶנְטְפֶעְרְן אָמֵן

ארויס געגעבן דורך:

**תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל | בני ברק

באארבעט דורך די חשוב'ע מלמדים שיחיו

# דְבַר הַמַעֲרֶכֶת

כ"ק מרן רבינו שליט"א האט דערציילט (ליל שב"ק פרשת ויצא שנת תשס"ג לפ"ק, זייענדיג דא אין בני ברק לכבוד א שמחה ביי הגה"צ ראש ישיבתינו שליט"א), אז הרה"ק רבי יואל אשכנזי זצ"ל אבד"ק זלאטשוב - וואס איז געווען דער שווער פונעם קדושת יו"ט זצ"ל - איז אמאל געווען אין פרעמישלאן ביי הרה"ק הרבי ר' מאיר'ל פון פרעמישלאן זצ"ל, און ער האט געהאט מיטגענומען מיט זיך זיין קליין קינד.

ווען זיי זענען אריינגעקומען צו רבי ר' מאיר'ל, האט ער געפרעגט פאר'ן קינד: וועלכע פרשה גיי די וואך?, דעמאלטס איז געווען פרשת ויצא, האט דאס קינד געענטפערט: פרשת ויצא. האט דער רבי ר' מאיר'ל נאך געפרעגט: וואס האט יעקב אבינו גע'חלומ'ט? האט דאס קינד געענטפערט דאס וואס עס שטייט אין פסוק "והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה" אז יעקב אבינו האט געזעהן א גרויסע לייטער שטייט אויף די ערד און עס קומט אן ביז צו די הימל.

האט אים דער רבי ר' מאיר'ל ווייטער געפרעגט: זאג נאר יונגעלע, א לייטער קען דאך נישט שטיין נאר אויב עס לאנט זיך אן אויף א וואנט, אדער אויף א אנדערע זאך, עס קען זיך נישט האלטן אין די לופט, איז אויף וואס האט זיך אנגעהאלטן די לייטער פון יעקב אבינו?.

דער יונגל האט געוואלט ענטפערן אז עס איז געווען נאר א חלום. אבער זיין טאטע האט אים געווינקען ער זאל נישט ענטפערן, ווייל דער רבי ר'

מאיר'ל פרעגט נישט סתם אזוי, איז דאס קינד טאקע שטיל געבליבן. האט דער רבי ר' מאיר'ל געענטפערט: ווען אידישע קינדער ענטפערן "אמן יהא שמיה רבא", ווערט דורך דעם א לאך אין הימל, וואס דורך דעם לאך גייען ארויף די תפילות צום כסא הכבוד, און אין די לאך איז אריין געגאנגען די לייטער און עס האט זיך געקענט אנהאלטן.

דעריבער האבן מיר באשלאסן די וואך אביסל ארומרעדן איבער די גרויסקייט פון ענטפערן "אמן" און חז"ל הק' זאגן אין מסכת שבת (דף קיט:) אמר רבי יהושע בן לוי כל העונה אמן יהא שמיה רבא מברך בכל כוחו קורעין לו גזר דינו, מיר וועלן דא ברענגען עטליכע מעשיות וואס ציגן אונז דעם גרויסן כח פון אמן געקליבן פון מדרשים און מאמרי חז"ל און נאך.

מיר האפן אז די קינדער וועלן זיך אוודאי אראפ לערנען דערפון און זיך מחזק זיין אין דעם ענין פון ענטפערן "אמן" וואס איז "מגיע השמימה" עס קומט אן ביז צום כסא הכבוד און עס צורייסט אלע שלעכטע גזירות פון כלל ישראל, אין דעם זכות וועלן מיר אלע געהאלפן ווערן מיט אלעם גוטן, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו גיין אקעגן משיח צדקינו ומלכינו מרן רבינו שליט"א בראשינו אמן.

ערש"ק פרשת ויצא תשע"א לפ"ק

פה קרית יואל בני ברק יצ"ו

הנהלת הת"ת

בני אמונים

# פִּינֶעף אָמֵן׳ס
# פּוּפְּצִיג גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעך:

אמאל זענען צוויי אידישע סוחרים ארום געפארן האנדלען, זיי האבן געהאנדלט מיט אמאליגע זאכן וואס זענען זייער טייער און חשוב אין די אויגן פון מענטשן. דעמאלטס איז פאר זיי געווען א מעגליכקייט צו קויפן אפאר טייערע און ווערדפולע כלים, וואס אויב זיי וואלטן עס נישט געקויפט וואלט געווען פאר זיי א גרויסער שאדן. גייענדיג אויפן וועג זענען זיי פארביי נעבן א שוהל, און זיי זעהן ווי אזוי איינער פון די מתפללים שטייט ביים טיהר, און זאגט זיי, 'אינעווייניג אין שוהל זענען מיר נאר 9 מענטשן און מיר ווילן זאגן א קדיש, קומט אריין, און מיר וועלן האבן א מנין', זיי טראכטן ביי זיך 'אויב מיר וועלן זיך דא אויפהאלטן וועלן מיר דערלייגן דאס געשעפט וואס פון דעם קענען מיר אסאך פארדינען', און אזוי שלאגט זיך דער יצר טוב מיטן יצר הרע.... איינער האט זיך געשטארקט אויפן יצר הרע, און זיך פארלאזט אויפן אויבערשטן, און האט בייוויליגט אריין צו גיין אין שוהל און משלים זיין די מנין, מ'זאל קענען זאגן קדיש, דער אנדערער האט זיך נישט געקענט שטארקן אויפן יצר הרע, און האט פארגעזעצט זיין וועג צום האנדלען.

דער סוחר - וואס האט זיך אויפגעהאלטן אין שוהל - איז נאכ'ן ענטפערן אמן אויף די 'קדיש', ארויס אויפן וועג צו האנדלען, אבער ווען ער איז אנגעקומען צום פלאץ וואס מ'האנדלט, האט ער געזעהן אז זיין חבר האט שוין אפגעקויפט די ווערדפולע סחורה, און ס'איז דארטן פארבליבן נאר זאכן וואס האבן נישט געהאט קיין ווערד, ער זוכט צווישן זיי, ביז ער האט

געטראפן א קישן וואס איז געווען שיין אויסגעוועבט און געמאלן, אנגעפילט מיט הינער-פעדערן, און ווייל ער האט נישט געוואלט אהיים קומען מיט ליידיגע הענט, האט ער געקויפט דעם קישן.

אנקומענדיג אהיים, האט דער סוחר געעפנט דעם קישן, כאטש צו פארקויפן די הינער-פעדערן וואס זענען אינעווייניג, פלוצלינג טרעפט ער דארט 'א טייערן בריליאנט', פול מיט שמחה איז ער געגאנגען צו א בריליאנט סוחר עס צו פארקויפן, און ער האט באקומען פאר דעם פופציג גאלדענע רענדלעך.

ווען ער האט דערציילט פאר זיינע שטוב מענטשן אז ער האט באקומען פופציג גאלדענע רענדלעך פאר'ן בריליאנט, האבן זיי אנגעהויבן צו טענה'ן אז דער בריליאנט סוחר האט אים אויסגעפאפט, און ס'איז זיכער אז מ'וואלט געקענט באקומען פאר'ן בריליאנט צום וויניגסטן א דאפלטע פרייז, און זיי זאגן אים, ער זאל שוין צוריק גיין צום סוחר און צוריק ציעהן פונעם פארקויף.

אבער ער האט נישט געוואלט הערן וואס זיי בעטן אים ער זאל צוריק ציעהן פונעם פארקויף, און ווען די שטוב מענטשן האבן אים שטארק געמוטשעט איז ער אריבער צום גרויסן גאון דער "בן איש חי" פרעגן וואס ער זאל טוהן.

ווען דער 'בן איש חי' האט געהערט די שאלה פונעם ערליכן סוחר, האט ער געענטפערט אזוי: ווען דו האסט אנגענומען די געבעט פון די מתפללים און דו ביזסט אריין אין שוהל האסטו געענטפערט פינעף מאל 'אמן' ביי די חצי קדיש, חכמינו ז"ל האבן געזאגט אז דער שכר פון ענטפערן 'אמן' איז 10 גאלדענע רענדלעך, איז אויפן ענטפערן פינעף מאל 'אמן' האט מען פאר דיר געשיקט פון הימל פופציג גאלדענע רענדלעך, און דער עיקר שכר אויף די מצוה איז אנגעגרייט לעולם הבא.

בני אמונים
ארגון להחזקת ענינית אמן
סאטמאר ב"ב

# מַלְאָךְ רָע בְּעַל כָּרְחוֹ יַעֲנֶה "אָמֵן"

די גמרא זאגט אין מס' שבת (דף קי"ט:) רבי יוסי בר יהודה אומר, רבי יוסי בן יהודה זאגט, שני מלאכי השרת, צוויי מלאכים, מלוין לו לאדם בערב שבת, באגלייטן דעם מענטש פרייטיג צו נאכט'ס, מבית הכנסת לביתו, פון די שוהל צום שטוב, אחד טוב ואחד רע, איין גוטער מלאך און איין שלעכטער מלאך, וכשבא לביתו, און ווען ער קומט אין שטוב, ומצא נר דלוק ושלחן ערוך ומטתו מוצעת, און מען טרעפט אלעס איז אנגעגרייט אזוי ווי עס פאסט זיך לכבוד שבת, מלאך טוב אומר, דער גוטער מלאך זאגט, יהי רצון שתהא לשבת אחרת כך, עס זאל זיין בייוויליגט אז דאס קומענדיגע שבת זאל אויך זיין אזוי, ומלאך רע עונה אמן בעל כרחו, און דער שלעכטער מלאך ענטפערט אמן געצווינגענהערהייט, ואם לאו, און אויב ח"ו עס איז נישט אנגעגרייט ווי עס פאסט זיך לכבוד שבת, מלאך רע אומר, זאגט דער שלעכטער מלאך, יהי רצון שתהא לשבת אחרת כך, עס זאל זיין בייוויליגט אז דאס קומענדיגע שבת זאל אויך זיין אזוי, ומלאך טוב עונה אמן בעל כרחו, און דער גוטער מלאך ענטפערט אמן געצווינגענהערהייט.

פרעגט דער הייליגער מהרש"א ז"ל פארוואס ווען דער גוטער מלאך וואונשט אן אז דאס קומענדיגע שבת זאל אויך זיין אזוי, פעלט אויס אז דער שלעכטער מלאך זאל געצווינגענהערהייט ענטפערן אויף די ברכה 'אמן', וואס וועט דאס צוגעבן אויף די ברכה? נאר ענטפערט דער מהרש"א, אז א ברכה ווערט מער מקוים אויב מ'ענטפערט אויף אים אמן, און דאס גיט א שטארקייט פאר די ברכה, און וועגן דעם פעלט אויס אז דער שלעכטער מלאך זאל ענטפערן 'אמן'.

חָשׁוּבֶ'ע קִינְדֶערְלֶעךְ שְׁיִחְיוּ

# קוּמְט אוּן הֶערְט דֶער שְׂכַר פוּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוֹיף עֶנְטְפֶערְן אָמֵן

די צוויי הייליגע אמוראים, רבי חייא מיט רבי אבא, זענען אמאלן געגאנגען אין וועג, אינמיטן וועג זענען זיי אריין געגאנגען אין א גאסט הויז, אינמיטן נאכט זענען זיי אויפגעשטאנען צום לערנען ווי זייער שטייגער איז געווען שטענדיג אז ביי חצות הלילה האבן זיי זיך געוואשן נעגל וואסער און זיך געזעצט לערנען. די טאטער פונעם בעל האכסניא האט זיך אויפגעוועקט, זי האט זיי אנגעצינדן די ליכט, און זי האט זיך אוועק געזעצט אויסהערן ווי אזוי זיי לערנען מיט גרויס התמדה.

רבי אבא האט אנגעהויבן צו זאגן א פשט אינעם פסוק פון "כי נר מצוה ותורה אור", נאכ'ן ענדיגן זאגן די פשט, האט ער - אומוועלנדיג - באמערקט ווי די טאכטער פונעם בעל הבית זיצט און הערט אויס ווי זיי לערנען, האט רבי אבא אנגעהויבן א נייע-צווייטע פשט אינעם פסוק "כי נר מצוה", דאס מיינט, א פרוי וואס צינדט אן ערב שבת די ליכט אין שטוב פאר איהר מאן, כדי ער זאל קענען לערנען תורה, איז אפילו זי אליין לערנט דאך נישט תורה, אבער מיט דעם אלעם באקומט זי שכר, ווייל זי העלפט פאר לערנען תורה.

האט די טאכטער אויסגעבראכן אין א שטארקע געוויין, וואס דאס האט אויפגעוועקט איהר טאטן - דער בעל האכסניא, ווען ער האט געהערט וואס רבי אבא האט געזאגט, האט ער אויך אויסגעבראכן און מיטגעוויינט מיט זיין טאכטער, האט רבי אבא געזאגט, איך ווייס

פארוואס זיי וויינען, ווייל זי האט חתונה געהאט מיט א מאן, א גרויסער "עם הארץ" וואס קען ניישט לערנען, האט דער בעל הבית געענטפערט, יא, עס איז טאקע ריכטיג!, און פארוואס טאקע האב איך אים גענומען פאר א איידעם, ווייל איין טאג האב איך געזעהן, ווי אזוי ער שפרינגט אראפ פון א דאך ביז אונטן, כדי צו הערן קדיש, און ענטפערן אמן!!!, אזוי ווי איך האב דאס דערזעהן, אפילו איך האב נישט געקענט, האט ער מיר געצויגן, און איך האב אים משדך געווען מיט מיין טאכטער, ווייל איך האב געטראכט צו זיך, אויב איז ער אזא שטארקער ערליכער, וואס איז מסוגל אראפ צו טאנצן פון א דאך, נאר כדי צו ענטפערן אמן, מסתמא איז ער א געוואלדיגער תלמיד חכם און גאון וצדיק, אבער דערנאך האב איך אים דערקענט, אז ער איז גאר א פוסטער עם הארץ, וואס קען נישט אפילו בענטשן און ליינען קריאת שמע!, און מיר – איך מיט מיין טאכטער – קלאגן פון צער, צוקוקנדיג ווי אלע תלמידי חכמים רעדן אין לערנען, און ער ווייסט נישט וואס מען רעדט.

האט רבי אבא געזאגט, דארפסט נישט זאגן, זיכער וועט ארויס קומען פון אים א קינד וואס וועט באלייכטן די וועלט מיט זיין תורה, אינמיטן זייער רעדן האט זיך דער איידעם דער עם הארץ אויפגעוועקט פון שלאף, נאכ'ן זיך וואשן די הענט האט ער זיך אוועק געזעצט נעבן זיי, רבי אבא קוקט אויף אים, און רופט זיך אן: "איך זעה אז עס שיינט אויף אים די אור התורה, וואס דאס וועט זיך צושפרייטן איבער די גאנצע וועלט"!.

דער יונגערמאן האט זיך צולאכט הערנדיג די ווערטער, און האט זיך אנגערופן, אז איך האב זיך מקבל געווען אויף מיר, נישט צו רעדן אין לערנען מיט קיינעם ביז צוויי יאר (ווייל ער האט זיך געוואלט האלטן

קליין!) אבער יעצט אז איר זענט געקומען ביי מיין שווער'ס שטוב, וועל איך יא אנפאנגען רעדן פון סודות התורה.

נאכ'ן מגלה זיין אביסל סודות התורה, האט ער אנגעפאנגען פארציילן זיין יחוס: איך בין געבוירן געווארן אין בבל, מיין טאטע האט געהייסן רב ספרא, אבער איך האב נישט זוכה געווען אים צו קענען, ווייל ווען איך בין נאך געווען גאר א קליין קינד איז ער שוין נפטר געווארן, און וויבאלד איך בין אויפגעוואקסן צווישן אזעלכע גדולים בתורה ובחכמה, האב איך זיך צוריק געהאלטן פון רעדן, איך האב זיך מקבל געווען נישט צו רעדן אין לערנען גאנצע צוויי חדשים, אבער היינט האט זיך געענדיגט די צוויי חדשים, און איך פריי זיך אז איר זענט געקומען היינט דא צו מיר, וועל איך קענען לערנען מיט אייך.

האט רבי יוסי אויפגעהויבן זיין קול, און זיך גענומען שטארק וויינען פון שמחה, האבן זיך אלע אויפגעהויבן און געקישט אויפן שטערן פונעם אידעם, און ר' יוסי האט געזאגט: "וואויל איז אונז, אז מיר האבן זוכה געווען, אז אזא גאון בתורה און עניו זאל קומען צו אונז לערנען, אזוי קענען מיר עוסק זיין אין סודות התורה, וואס מיר האבן נאך קיינמאל נישט געהערט".

דער אידעם האט מסביר געווען, פארוואס האט ער זיך אזוי געפירט - ווייל ער האט זיך דאך מקבל געווען נישט רעדן אין לערנען ביז 2 חדשים, האט ער געזאגט פאר זיין פרוי, אז ביז ער וועט נישט קענען גוט בענטשן מיט קריאת שמע, וועט ער וואוינען אליין, אבער יעצט פארשטייען זיי שוין פארוואס ער האט זיך אזוי ארויס געדרייט.

רבי אבא מיט רבי יוסי האבן אים געבעטן, ער זאל ממשיך זיין צו לערנען מיט זיי ביז אינדערפרי, אזוי האבן זיי זיך פארטיפט אין לערנען, און ער האט מסביר געווען מיט טיפע סודות, די כוונות פון בענטשן מיט די כוס של ברכה.

דער שווער האט - פון גרויס שמחה - מחליט געווען, און ער האט צוזאם גערופן אלע גוטע פריינד, צו א גרויסע סעודה כיד המלך, מען האט געזאגט תורה, מאון רבי אבא מיט רבי חייא האבן זיך מיטגעפרייט מיט די שמחה של מצוה.

נאך די סעודה האבן זיי זיך געזעצט ווייטער לערנען, דערנאך האבן זיי זיך ארויס געלאזט אויף זייער וועג, אינמיטן וועג האבן זיי באגעגנט רבי שמעון בר יוחאי, וואס האט גלייך באמערקט אז זיי זענען גליקלעך און צופרידן, זיי האבן אים דערציילט די גאנצע מעשה, האט זיך רבי שמעון בר יוחאי אנגערופן: "ווען איך האב איינמאל שפאצירט מיט רב ספרא, און געלערנט, ביים געזעגענען האב איך אים אנגעוואונטשן אז ער זאל זוכה זיין צו א זוהן וואס וועט זיין ווי א לייב אין תורה הקדושה, וואויל איז אייך, אז איר האט זוכה געווען, צו דערקענען דעם צדיק וקדוש".

טייערע קינדער ! מיר זעהן פון די מעשה, די גרויסע שכר וואס מען באקומט אויפן נזהר זיין צו ענטפערן אמן, מיט דעם זכות וואס מיר וועלן זיך מחזק זיין אין דעם, וועלן מיר זוכה זיין צו געבענטשטע קינדער צדיקים וקדושי עליון, אמן.

בני אמונים
ארגון לחיזוק עניית אמן
סאטמאר ב"ב
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון גרמודשטיין ז"ל

**פאנג אן צו גיין פון די אות ק' און א' וואס איז ביי די צוויי זייטן פון די קעסטל**

**און טרעף אויס די גמרא אין מסכת סנהדרין (דף קי:)**

# קטן מאימתי בא לעולם הבא, תנא משום רבי מאיר משעה שיאמר אמן שנאמר פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים

# אל תקרי שומר אמונים אלא שאומר אמן מאי אמן

# אמר רבי חנינא - א'ל מ'לך נ'אמן

מען קען גיין: גלייך, ארויף, אראפ, רעכט'ס, און לינק'ס, מ'קען זיך אויך דרייען אינמיטן, אבער שיף קען מען נישט גיין

| | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ק | ט | נ | מ | א | י | מ | ת | נ | י | נ | א | א |
| מ | ל | ו | ע | ל | א | ב | י | ח | א | מ | א | ל |
| ה | י | מ | ו | י | ב | א | ב | י | נ | נ | ל | ת |
| ב | ר | ז | צ | י | ו | ג | ר | ר | כ | ל | מ | ק |
| א | ע | ש | ד | א | מ | נ | א | מ | י | מ | ו | ר |
| ת | ב | ו | י | י | א | מ | נ | מ | א | ר | א | י |
| נ | ת | ח | ק | ש | ו | ע | מ | י | נ | א | ש | ש |
| א | פ | צ | נ | מ | מ | ר | א | מ | ו | ל | א | ו |
| מ | ר | י | ש | א | ג | י | ש | ה | ע | י | מ | מ |
| ש | מ | א | נ | ר | מ | א | י | א | ש | נ | א | ר |
| ו | מ | ר | ב | י | מ | א | י | ר | מ | ו | מ | ר |

**ווערסטו טרעפן וואס חז"ל זאגן ווען איינער ענטפערט אמן יהא שמיה רבא מיט די גאנצע כח און מיט כוונה**

**צורייסט מען זיינע שלעכטע גזירות פון אסאך יארן (וויפיל יאר?)**

הייב אן פון די גרויסע מ'

נעם ארויס יעדע דריטע אות
און שרייב עס אריין אין די קעסטלעך
וועסטו טרעפן א פסוק וואס איז ראשי תבות "אמן"
וואס מ'בעט אז דער אייבישטער זאל אונז דערנענטערן צו אים

מ

די אנדערע געבליבענע אותיות שרייב אריין אין די קעסטלעך
וועט אויסקומען צוויי ברכות פון ברכת השחר